**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/23/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**מעמאראנדום: גאווערנער קעטי האוקול׳ס ערשטן יאר אין אמט**

**צו:** פאראינטערעסירטע פארטייען
**פון:** אפיס פון גאווערנער קעטי האוקול
**דאטום:** אוגוסט 23, 2022
**טעמע:** גאווערנער קעטי האוקול׳ס ערשטן יאר אין אמט

---

אום אוגוסט 24, 2021, איז גאווערנער קעטי האוקול אריינגעשוואוירן געווארן אלס ניו יארק׳ס 57׳סטע גאווערנער. די ערשטע פרוי אין די געשיכטע צו פירן דעם עמפייער סטעיט, האט זי זיך תיכף אריינגעווארפן מיט פלייסיגקייט אריינצובאגלייטן א נייע תקופה פאר ניו יארק און צו ליפערן רעזולטאטן. ביים אנהייב פון איר גאווערנאטארשאפט, איז ניו יארק אויסגעשטאנען באדייטנדע שוועריגקייטן: דער קאָוויד-19 דעלטא וואריאנט האט זיך געהאלטן אין איין פארשפרייטן, סקולס האבן געארבעט אויף פלענער צוריקצוברענגען קינדער אין סקולס, צווי האריקעינס זענען אנגעקומען און אנגעברענגט חורבנות אין פילצאליגע קאמיוניטיס אין אונזער סטעיט, און ניו יארקער זענען אדורך א קריזיס פון צוטרוישאפט אין זייער רעגירונג און ערוועלטע פירער.

גאווערנער האוקול האט זיך תיכף גענומען צו דער ארבעט.

זי האט אנגעהויבן דורך רעקרוטירן א טאלאנטפולע מאנשאפט פון פובליק באאמטע צו דינען אלס איר הויפט ראטגעבער, באשטימענדיג דער מערסט-פילפארביגע קאבינעט אין ניו יארק סטעיט׳ס היסטאריע. פון אויסוועלן קערען פערסיטשילי קעאגה און קעטרין גארסיע צו פירן די אדמיניסטראציע ביז׳ן באשטימען דר. מערי באסעט צו פירן דעם העלט דעפארטמענט, איז האוקול׳ס פירערשאפט טיעם אויסגעקליבט געווארן פאר׳ן אפשפיגלען "א פאקוס אויף גענייטשאפט דורך דער נייער אדמיניסטראציע."

אן קיין פארזוימונג האט דער גאווערנער געפירט א פעסטע, פראאקטיווע צוגאנג אויף צו באהאנדלען קאָוויד-19, אריינגערעכנט דורך מוטיגן ניו יארקער זיך צו וואקסינירן און זען אז פאנדעמיע הילף זאל גיכער ארויסגיין פון טיר צו אנגעשטרענגטע דינגער, לענדלאָרדס און אימיגראנטן. אייגנטליך איז ניו יארק געגאנגען פון ערגסטן צום ערשטן אין אויסטיילן רענט הילף פאר ניו יארקער אונטער גאווערנער האוקול׳ס הדרכה. זי האט געפירט ניו יארקער דורך עקסטרעמע וועטער פאסירונגען, קעמפנדיג פאר א פעסטע און יושר׳דיגע קורץ-טערמיניגע ערהוילונג און גלייכצייטיג אויספלאנירן א וועג צו לאנג-טערמיניגע קלימאט ווידערשטאנד-פעאיגקייט. און זי האט אנגעהויבן די ארבעט פון אריינברענגען א נייע תקופה אין אלבאני פאליטיק מיט נייע דורכזעאיגקייט און עטיקס פּאָליסיס.

אין די נאכגייענדע חדשים, האט גאווערנער האקול ווייטער געליפערט רעזולטאטן פאר ניו יארקער. אין איר סטעיט אָוו דע סטעיט רעדע און עקזעקיוטיוו בודזשעט, האט דער גאווערנער אויסגעלייגט א דרייסטן בליק פאר ניו יארק׳ס צוקונפט וואס אינוועסטירט אין העלטקעיר, בילדונג, אינפראסטרוקטור, דזשאָבס, האָוזינג, רעוואלווער-געוואלדפארברעכנס פארמיידן און פובליק זיכערהייט. ארבעטנדיג נאענט מיט קאלעגעס אין דער לעגיסלאטור, האט גאווערנער האקול דורכגעפירט א באלאנסירטן סטעיט בודזשעט וואס ברענגט גרויסע געווינסן פאר ניו יארקער און גלייכצייטיג אויך צייגן פרעצעדענטלאזע פינאנציעלע פאראנטווארטליכקייט, שטעלנדיג דעם סטעיט אויף א וועג צו האבן א רעקארד 15 פראצענט פון אפעראציע אויסגאבן אין רעזערווס.

גאווערנער האקול האט אויפגעטרעטן צו פירן ניו יארק אין צייטן פון קריזיס. אויף די שפורן פון א ווייסע סופרעמאַסיסט שיסעריי אין איר היים שטאט באפעלאו, האט גאווערנער האקול געארבעט מיט דער לעגיסלאטור דורכצופירן פון די שטערקסטע נייע שיסגעווער-פארברעכנס פארמיידונג געזעצן אין דעם לאנד. זי ארבעט צו באשיצן ניו יארקער פון מאסן שיסערייען און טעגליכע שיסגעווער-פארברעכנס, אריינגערעכנט דאס נעמען קריטיש-וויכטיגע שריטן ווי העכערן דער עלטער צו קענען קויפן סעמיאויטאמאטישע שיסגעווער און פאדערן מייקראָסטעמפינג אויף קוילן אויף צו קענען בעסער כאפן פארברעכער.

ווען עס איז קלאר געווארן אז דער הויכער געריכט וועט איבערקערן *׳ראָו ווי. וועיד׳*, האט גאווערנער האקול אוועקגעשטעלט א לאנד-וועגווייזיגע 35 מיליאן דאלערדיגע אבארציע צוטריט פאָנד צו שטיצן פארזארגער אין ניו יארק. און ווען דער הויכער געריכט האט באשלאסן אראפצורייסן ניו יארק׳ס יארהונדערטיגער באהאלטענע שיסגעווער-טראגן געזעץ, האט גאווערנער האקול צוזאמגערופן א ספעציעלע סעסיע פונ׳ם לעגיסלאטור דורכצופירן פשוט-שכל׳דיגע שיסגעווער זיכערהייט באגרענעצונגען און אנהייבן דעם פראצעס פון צולייגן א גלייכבארעכטיגקייט אמענדמענט צום ניו יארק סטעיט קאנסטיטוציע.

עס איז נאך דא אסאך ארבעט אויף צו מאכן ניו יארקער זיכערער, שטערקער, און מער ערפאלגרייך — און גאווערנער האקול האלט בלויז ביים אנהייב. עטליכע אויפטואונגען פון איר ערשטן יאר אין אמט זענען כולל:

**פובליק זיכערהייט און שיסגעווער-פארברעכנס פארמיידונג**

- **געשאפן דעם ׳אינטערסטעיט טעסק-פאָרס אויף אומגעזעצליכע רעוואלווערס׳ און פינאנצירט דער ניו יארק סטעיט פאליציי שיסגעווער-האנדלעריי צושטערונג איינהייט.**
- **זיך אפגערופן צו די באפעלאו הריגות מיט 10 נייע געזעצן אויף צו באקעמפן מאסן שיסערייען און אין-לאנדישע טעראריזם.**
- **צוזאמגערופן א ספעציעלע סעסיע פון דער לעגיסלאטור דורכצופירן נייע לעגיסלאציע אויף באהאלטענע שיסגעווער-טראגן, אויף די שפורן פון דעם הויכן געריכט׳ס פסק וואס האט אפגעשאפן הונדערט-יעריגע געזעצן.**
- **דורכגעפירט געצילטע ענדערונגען צום סטעיט׳ס בעיל געזעצן אויף צו פארשליסן ארויסדרייעניש-מיטלען פאר עבר־ושנה׳ניקעס, נאכגיין פארשוינען וועלכע ניצן אומלעגאלע שיסגעווער און אדרעסירן האסע־פארברעכנס.**
- **רעפארמירטע ׳דיסקאָוועריי׳ תקנות צו העלפן פארזיכערן א מער פונקציאנאלישע יוסטיץ סיסטעם פאר יעדן.**

- זיך קעגנגעשטעלט שיסגעווער-פארברעכנס מיט רעקארד סומעס אינוועסטירונגען אין קאמיוניטי געוואלדטאט אינטערווענץ פראגראמען און געזעץ אינפארסירונג פעאיגקייטן צו רעדוצירן, אפהאלטן און לייזן שיסעריי פארברעכנס.

באשיצן פונדאמענטאלע רעכטן

- געשאפן א לאנד-וועגווייזיגע 35 מיליאן דאלערדיגע אבארציע צוטריט פאָנד צו שטיצן פארזארגער אין ניו יארק.
- דורכגעפירט א לעגיסלאטיווע פעקל צו באשיצן די רעכטן פון פרויען וואס זוכן אבארציעס אין ניו יארק סטעיט.
- צעבראכן א צענדליג-יעריגע לעגיסלאטיווע אפהאלט אויף אנצוהייבן דעם פראצעס פון צולייגן א גלייכע רעכטן אמענדמענט צו דער סטעיט קאנסטיטוציע.
- געהעכערט פינאנצירונג צו באשיצן ריזיקירטע קאמיוניטיס און נאן-פראפיט ארגאניזאציעס פון האסע־פארברעכנס.
- איינגעפירט דעם לאנד׳ס מערסט יושר׳דיגן ערוואקסענע-באניץ קענעביס פראגראם.
- פעסטגעשטעלט ניו יארק׳ס שטיצע פאר טרענסדזשענדער, דזשענדער נאָן-קאנפאָרמינג, נאָן-ביינערי און אינטערסעקס פערזאנען.

בילדונג

- געהאלטן קינדער אפגעהיטן אין דעם קלאסצימער און פארמיטן פונדערוויטנס (׳רעמאָוט׳) שולעריי
- ליפערן פרעצעדענטלאזע שטיצע פאר ניו יארקער סקולס און סעטל׳ען דעם היסטארישן קאמפיין פאר פינאנציעלע יושר אנקלאגע
- שטיצן סטודענט סוקסעס בשעת זיי ארבעטן זיך איינצושאפן העכערע בילדונג
- אינצענטיווזירן לערערשאפט אלס א פראפעסיע און שאפן א פעסט אוועקגעשטעלטע מהלך פאר צוקונפטיגע לערער און מחנכים

העלפן מיט שטייגנדע לעבנס-קאסטן

- סוספענדירן 16 צענט פון דעם גאזאלין שטייער פאר יעדן גאלאן גאזאלין געקויפט אין ניו יארק ביז׳ן ענדע יאר
- צוגעיאגט א 1.2 ביליאן דאלערדיגע מיטל-קלאס שטייער פארקלענערונג און פארזארגט א היים אייגנטימער שטייער ריבעיט קרעדיט פאר באלד 2.5 מיליאן ניו יארקער
- אויסגעטיילט איבער 550 מיליאן דאלער צו העלפן נידעריגע-איינקונפט קאָנסומערס מיט היים הייצונג און אנדערע יוטיליטי אויסגאבן
- שאפן איבער 500 מיליאן דאלער אין פעדעראלע גרענט פינאנצירונג צו שטיצן קלענערע ביזנעסער

**שאפן צוגענגליכע האָוזינג**

- איינגעפירט אן ארומנעמיגן 25 ביליאן דאלערדיגן האָוזינג פלאן צו שאפן אדער אפהיטן 100,000 צוגענגליכע וואוינונגען לענגאויס ניו יארק סטעיט
- אונטערגעשריבן היסטארישע לעגיסלאציע צו איבערמאכן אונטערבאניצטע האטעל ערטער אויף צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג
- אוועקגעשטעלט דעם ערשט-פון-איר-סארטיגן ׳ניו יארק סיטי פובליק האָוזינג אפהיט טראָסט׳

**אינוועסטירן אין טראנספארטאציע און אינפראסטרוקטור**

- אויפגעדעקט א טראנספארמאטיוון פלאן צו שאפן אן ערשטראנקיגע טראנזיט צענטער ביי ׳פען סטעישען׳
- אוועקגעשטעלט פלענער פאר דעם ׳אינטערבאָראָ עקספּרעס׳, א גרויסע נייע טראנזיט ליניע צו באהעפטן ברוקלין מיט קווינס
- געשטעלט אין גאנג דעם 1 ביליאן דאלערדיגן ׳פּעיוו אַוּער פּאָטהאָולס׳ אונטערנעמונג צו פארבעסערן סטעיט גאסן, שאסייען און הייוועיס
- אויפלעבן ניו יארק סיטי׳ס לופטפעלדער דורך ענדיגן די לאגווארדיע רענאוואציע און אנהייבן נייע פראיעקטן ביי דזשעי-עף-קעי
- באהעפטן קאמיוניטיס וואס זענען מיט אומרעכט איבערגעריסן געווארן דורך הייוועיס אין סירעקיוס, באפעלאו און ראטשעסטער
- אוועקגעשטעלט טראנספארמאטיווע ליווינגסטאן עוועניו בריק ערזעצונג פראיעקט אין אלבאני און רענעסעלער
- געשאפן א פלאן אויסצוציען הויכע-ספּיעד, צוגענגליכע בראָדבענד אינטערנעט צו יעדן ווינקל פון ניו יארק
- פאראויס-פירן דעם געיטוועי פראיעקט צו טאפלען קאָמיוטער קאפאציטעט און אויסהאלטן ניו יארק׳ס צענטראלע ראלע אין דעם צפון-מזרח ראיאן
- אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו פארברייטערן דאס באניץ פון ניו יארק סיטי׳ס ספּיעד קאמערעס אין סקול זאונס

**פרעצעדענטלאזע שטיצע פאר ניו יארקער ארבעטער און קלענערע ביזנעסער**

- צוגעלייגט איבער 450,000 דזשאָבס צו דער סטעיט עקאנאמיע
- שטערקער געמאכט דעם סטעיט׳ס ארבעטסקראפט מיט קריטיש-וויכטיגע אינוועסטירונגען אין קאריערע בילדונג, באנייטע פארשפרעכונגען אויף דזשאָב טרענירונג און שפאגל-נייע אפיס געאייגנט פאר ארבעטסקראפט אנטוויקלונג
- פארזארגט 250 מיליאן דאלער אין שטייער קרעדיטס פאר קלענערע ביזנעסער׳ס קאָוויד-19 פארבינדענע הוצאות
- פארברייטערט דעם 800 מיליאן דאלערדיגן ׳קלענערע ביזנעס קאָוויד-19 ערהוילונגס פראגראם׳

- געשאפן א נייעם 200 מיליאן דאלערדיגן פראגראם צו העלפן אנהייב פאזע קלענערע ביזנעסער
- פארברייטערט דעם 35 מיליאן דאלערדיגן רעסטוראנט ׳צוריק צו דער ארבעט׳ שטייער קרעדיט
- צוריקגעגעבן באלד 3 מיליאן דאלער אין גע׳גנב׳עטע געהאלטן צו ניו יארקער ארבעטער אין צוזאמארבעט מיט׳ן גאנץ-סטעיט׳יגן ׳געהאלט גניבה טעסק-פאָרס׳

**פירן אויף קלימאט און ריינע ענערגיע**

- געארבעט אויף ארויפצושטעלן א 4.2 ביליאן דאלערדיגן ׳ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באָנד׳ געזעץ אויפ׳ן שטים-בעלאָט
- געמאכט לאנד-וועגווייזיגע 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונגען אין ים-ווינט ענערגיע, אריינגערעכנט דאס אנהייבן ארבעט ביי דעם ׳סאָוט פאָרק ווינד פאַרם׳ אויף לאנג איילענד
- געשטיצט 1 ביליאן דאלער אין קריטיש-וויכטיגע וואסער אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען, אריינגערעכנט 150 מיליאן דאלער פאר דער שטאט מאונט ווערנאן
- דעקארבאניזירן געביידעס לענגאויס ניו יארק סטעיט, שאפנדיג א וועג-מאפע צו א נידעריגע-קארבאן צוקונפט
- ערשט-אין-לאנדיגע פארשפרעכונג צו 100 פראצענט זעראָ עמיסיע באסעס
- אפשאפן מניעות צו עלעקטרישע אויטא פארמאגערשאפט און באניץ

**אונטערהייבן אונזער העלטקעיר סיסטעם**

- דורכגעפירט א 20 ביליאן דאלערדיגער לאנג-טערמיניגער אינוועסטירונג אין אונזער העלטקעיר סיסטעם אלס טייל פון דעם סטעיט בודזשעט
- אזוי ווי די דעלטע און אָמיקראָן ווואריאנטן האבן אינפעקטירט ניו יארקער, באשיצט שפיטאל קאפאציטעט בשעת גלייכצייטיג אפן האלטן סקולס, ביזנעסער און אונזער עקאנאמיע
- געראטן ניו יארקער זיך צו וואקסינירן, פירנדיג צו דער העכסטער קאָוויד וואקסינאציע ראטע צווישן אלע גרויסע סטעיטס
- דערקלערט א סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי אין אפרוף צום מאַנקי-פאָקס אויסבראך, און אדוואקירט פאר מער וואקסינען פאר ריזיקירטע גרופעס

**א נייע תקופה פאר ניו יארק**

- באשטימט דער מערסט-פילפארביגע קאבינעט אין די געשיכטע פון ניו יארק סטעיט
- בויען פראדוקטיווע באציאונגען מיט ארטיגע ערוועלטע פירער
- אפשאפן דעם צעבראכענעם JCOPE און עס ערזעצט מיט א נייעם, מער דורכזיכטיגער קערפערשאפט: ׳די קאמיסיע אויף עטיקס און לאָבי׳אונג אין רעגירונג׳
- פארבעסערן דעם FOIL פראצעס אויף צוציאגן פראצעסירונג צייטן און מוטיגן אגענטורן צו עפנטליך ארויפשטעלן מער דאקומענטן

- **איבערמאכן HR פּאָליסיס אין דעם עקזעקיוטיוו טשעימבער צו באשיצן שטאב מיטגלידער פון באַ׳עוולה׳ן און רדיפות**

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418